# דברות קודש

# מכ"ק רבינו הגה"ק שליט"א

## אצל מעמד סיום מסכת חגיגה והתחלת מסכת מכות

### בביהמ"ד זכרון יחיאל מיכל ד'סאטמאר-מאטיסעלאו נ.י.

...דאס דארף מען וויסן מ'קומט זיך צוזאם ביי א סיום מסכתא, אז אור פון גיהנום איז נישט שולט ביי תלמידי חכמים, ביי די וואס זענען עוסק בתורה, ווייל די תורה הקדושה איז מגינה ומצלי פון א חטא.

ס'קען נאך זיין פשט, אויף וואס דער אוהב ישראל שטעלט זיך, פארוואס דייקא די אות ה' האט מרחף געווען אויף אידן, ווייל די אות ה' איז א רמז אויף די תורה הקדושה חמשה חומשי תורה, די תורה הקדושה איז מגין אויף אידן און די תורה הקדושה האט מגין געווען אויף די קללות פון בלעם, אזוי ווי דער מדרש זאגט לפיכך אמר מה אקוב לא קבה ק-ל.

מיט די ווערטער וואס דער פעטער זכרונו לברכה אין דברי יואל, און די זעלבע שטייט פון בעלזער רב זכרונו לברכה אין מהרי"ד, אויפן פסוק אשרי הגבר אשר תיסרנו ק-ה ומתורת"ך תלמדנו, וואויל איז פאר דעם מענטש וואס דער אייבערשטער שטראפט, וויאזוי איז דאס שייך צו זאגן, ווען דער אייבערשטער שטראפט א איד איז ער דאך כביכול בצער בכל צרתם לו צר, וואס הייסט אשרי הגבר אשר תיסרנו ק-ה, זאגט ער אזוי כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה, די זעלבע ווער ס'איז עוסק אין א פרשה וואס איז דא צרות ישראל איז כאילו ס'איז געקומען די אלע זאכן, **דאס הייסט אז ווען ס'איז באשערט פאר א איד צרות, דארף עס נישט קומען בפועל, מ'קען יוצא זיין דורכן לערנען אפילו א פרשה פון יסורים איז כאילו ס'איז געקומען די יסורים**, טייטשט ער אשרי הגבר וואויל איז דעם מענטש אשר תיסרנו ק-ה וואס דער אייבערשטער שטראפט אים, וויאזוי איז דאס, ומתורתך תלמדנו דורך די תורה אז מ'לערנט די פרשה פון תוכחה קען מען יוצא זיין די יסורים, עכ"ד. קען זיין וועגן דעם האט די ה' האט מרחף געווען אויף כלל ישראל, און די ה' איז דאך א רמז אויף די חמשה חומשי תורה, יעצט **בלעם האט געוואלט שעלטן אידן, אבער דער אמת איז אז אויב אידן לערנט תורה ער לערנט די פרשה פון יסורים איז אזוי ווי ס'איז געקומען די אלע יסורים איז ער אפגעקומען יסורים און אלע קללות, אלעס וואס בלעם האט געוואלט שעלטן קענען אידן אפקומען מיט די תורה הקדושה**, לפיכך אמר מה אקוב לא קבה ק-ל, ווייל ער האט געזעהן די אות ה' וואס איז א רמז אויף די תורה, האט ער געטראכט וואס האב פון שעלטן אידן, וואס וועט געשען אידן ווען לערנען די פרשה און מיט דעם וועט מען אפקומען די יסורים.

**מ'לערנט מסכתא מלקות אז חלילה ס'איז באשערט אויף א איד מכות און יסורים, מוז דאס נישט בפועל, אז מ'וועט לערנען מסכתא מלקות איז מען אלע מכות אפגעקומען, און דאס איז די קשר פארוואס תלמידי חכמים איז נישט אור של גיהנם שולט , ווייל יסורים ממרקין עוונותיו של אדם, קומט אז מ'לערנט מסכתא מלקות איז דאך כאילו ס'איז געקומען אויף דעם מענטש אלע מכות, ממילא אז ס'איז געקומען אלע מכות אויפן מענטש איז דאך יסורים ממרקין עוונותיו של אדם, איז ער דאך שוין אפגעקומען דעם גיהנם אויף דער וועלט, נו פארוואס זאל זיך נאך קומען עונש אויף יענע וועלט, וועגן דעם איז פאר א תלמיד חכם די אור של גיהנם טאקע נישט שולט.**

וויל איך מסיים זיין מיינע ווערטער מיט א מעשה, דער בעלזער רב זכרונו לברכה האט געהאט א איידעם ער האט געהייסן רבי פנחס מ'האט אים גערופן רבי פיניע'לע פון אויסטילא, ער איז געווען רב אין אויסטילא, ער איז געווען א טשערנאבלער אייניקל, די טשערנאבלער אייניקלעך האבן אסאך געפאסט, [דער טאטע זכרונו לברכה האט פארציילט ער איז געווען מיט אים אינאיינעם צוויי וואכן, איז ער געזעסן מיט טלית ותפילין ביז פארנאכטס יעדן טאג, הערשט פארנאכט האט ער אויסגעפאסט, אזוי איז געווען יעדן טאג די גאנצע צוויי וואכן], בקיצור ער האט אסאך געפאסט, ווען ער האט געגעסן קאסט ביים בעלזער רב (זיין שווער) האט ער אמאל געמאכט א סיום מסכתא מ'האט פארציילט פארן בעלזער רב אז רבי פיניע'לע מאכט א סיום אויף יענע מסכתא, האט דער בעלזער רב געזאגט זאל ער מאכן א סיום אויף מסכתא תענית, אזוי האט בעלזער רב געזאגט. **אונז גיי מיר יעצט לערנען מסכתא מכות, און מיטן אייבערשטן'ס הילף דעם זומער וועל מיר אדורכלערנען און מסיים זיין די מסכתא, דער אייבערשטער וועט העלפן אז מיר וועלן דורכלערנען מסכת מכות, און דער אייבערשטער וועט העלפן אז מיר וועלן מאכן סיו"ם אויף מסכתא מכות, און דער אייבערשטער זאל העלפן אז ס'זאל זיין אך טוב לישראל, אז די מסכתא וואס מיר גייען לערנען זאל ברענגען השפעות טובות פאר כלל ישראל.**

זאל דער אייבערשטער העלפן אז כשם שסיימנו מסכתא זו, מיר האבן יעצט מסיים געווען מסכתא חגיגה, זאל דער אייבערשטער העלפן, מיר זאלן מסיים זיין די קומעדיגע מסכתא אין נאך מסכתות, **דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זיך מקבל זיין צו זיצן און לערנען ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים, און מיר זאלן וויסן אז כי הם חיינו ואורך ימינו די תורה הקדושה דאס איז אונזער חיות, און אן קיין תורה איז נישט דא קיין לעבן און ס'איז נישט דא קיין חיות, מ'דארף זיך מדבק זיין בלב ונפש אין די תורה**, זאל יעדער איד את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה, די אלע אידן וואס האבן דורכגעלערנט די מסכתא, און די אלע אידן וואס האבן נאכנישט געלערנט איז אבער יעצט א גוטע געלעגנהייט זיך מצרף צו זיין זיך צושטעלן צו די פרישע מסכתא, און אזוי ווייטער נאך א מסכתא ברוב עם הדרת מלך, דער אייבערשטער וועט העלפן ס'וועט ניתוסף ווערן נאך לומדי תורה, ס'וועט צוקומען נאך אידן וואס זיצן אין לערנען.

דער פעטער זכרונו לברכה האט געזאגט מ'זאל לערנען אין בית המדרש, [איך געדענק, ער האט דאס געזאגט אום תשל"ב ווען ס'איז געווען די חנוכת הבית פון די אברכים זופניק, דער פעטער זכרונו לברכה איז נישט געזונט געווען ס'איז אים שווער אנגעקומען, און ער איז געקומען און ער האט גערעדט אפאר ווערטער, דעמאלטס] האט ער געזאגט, **אז ער בעט און ער פאדערט אויף אינגעלייט מ'זאלקומען לערנער דייקא אין בית המדרש, דארף מען זעהן טאקע צו קומען יעדן טאג, און מען זאל זיצן און לערנען ס'זאל זיין חק ולא יעבור**, דער אייבערשטער וועט העלפן די זכות פון לימוד התורה וועט מגין זיין מיר שטייען יעצט די וואך פון שבעה עשר בתמוז, אין זכות פון די תורה וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן והימים האלו יתהפכו לששון ולשמחה בביאת גואל צדק בב"א.